**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג די 90% אויפשטייג אין באריכטעטע האסן פארברעכנס, האט גאווערנער האקול פארגעשלאגן א גרויס אויסברייטערונג אין האסן פארברעכן סטאטוט און געמאלדן 60 מיליאן אין פאנדינג פאר עט-ריסק גרופעס**

***גאווערנער האקול'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט נעמט אריין לעגיסלאציע צו באדייטנד אויסברייטערן בארעכטיגונג פאר האסן פארברעכנס פראצעסירונג***

***די גאווערנער האט פארגעשלאגן א $10 מיליאן העכערונג אין גרענט פאנדינג פאר האסן פארברעכן פארמיידונג; $60 מיליאן אין צאל צו באקעמפן האסע אין פיסקאל יאר 24 & פיסקאל יאר 25 בודזשעטן.***

***לויט די מערסט לעצטע סטעיטברייטע דאטא, זענען האסן פארברעכנס ארויף מיט 90% צווישן 2020 און 2022; NYPD סטאטיסטיקס ווייזט א שארפע העכערונג זינט אקטאבער 7, 2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעברענגט איר פרעצעדענטלאזע סטעיט אוו די סטעיט פארשטעלונג צו אויסברייטערן די ליסטע פון קלאגעס בארעכטיגט צו ווערן אנגעקלאגט אלס האסן פארברעכנס און געמאלדן גרענט פאנדינג צו פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען ביי נאן-פראפיט, געמיינדע-באזירטע ארגאנאזאציעס מיט א ריזיקע פון האסן פארברעכנס אדער אטאקעס צוליב זייער אידעאלאגיע, גלויבן, אדער מיסיע.

"די אויפגייענדע כוואליע פון האסע איז שרעקליך און אומאקצעפטירבאר - און איך בין אנטשלאסן צו טוהן אלעס אין מיין רשות צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זינט די גרויליגע כאמאס אטאקע פון אקטאבער 7, איז געווען א באזארגענדע אויפשטייג אין האסן פארברעכנס קעגן אידן און מוסלמענער ניו יארקער. אין די לעצטיגע יארן האבן מיר געזען האס-געפירטע געוואלדטאטן געצילט צו שווארצע איינוואוינער אין באפעלא און באזארגענדע באלעסטיגונג פון AAPI און LGBTQ+ אינדיווידואלן אויף די גאסן פון ניו יארק סיטי. מיר וועלן קיינמאל נישט רוען ביז אלע ניו יארקער פילן זיכער, אפגעזען פון ווער זיי זענען, וועם זיי ליבן, אדער וויאזוי זיי דינען גאט."

האס, אין אלע איר פארעמען, וועלן נישט געדולדעט ווערן אין ניו יארק," **האט לוטענענט גאווערנער דעלגאדא געזאגט.** "מיט די שריט, טוען מיר אויפהייבן און באשיצן אונזער מערס עמפינדליכע געמיינדעס, פארזיכערנדיג אז אלע ניו יארקער קענען לעבן זייערע לעבנס פריי פון האסע און דיסקרימינאציע. דורכאויס די שווערע צייטן, וועלן מיר וייטער דא זיין איינע פאר די צווייטע. מיר מאכן עס קלאר: ליבשאפט וועט אייביג האבן די לעצטע ווארט אין ניו יארק."

גאווערנער האקול'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט אגנדע נעמט אריין פארגעשלאגענע לעגיסלאצע צו אויסברייטערן די ליסטע פון אנגריפן בארעכטיגט צו ווערן אנגעקלאגט אלס האסן פארברעך. אונטער די

יעצטיגע געזעץ, זענען נאר דא 66 אנגריפן וואס קענען ווערן אנגעקלאגט אלס האסן פארברעך; לעגיסלעטאווע אויסדרוקן אריינגענומען אין די עקזעקיוטיוו בודשעט וועט דאס העכערן צו די סומע פון 97, אריינרעכענדיג:

- מאכן גראפיטי
- בייזוויליג אונטערצינדן א פייער
- באנדע איבערפאל
- ערשטע דיגרי פארשוועכונג
- קרימינאלע באזיץ פון א וואפן
- געשלעכטליכע טראפיקינג

גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן נאך פאנדינג פאר די Securing Communities Against Hate איניציאטיוו, פאר א צאל פון $50 מיליאן איבער פיסקאל יאר 24 און פיסקאל יאר 25. די גאווערנער האט באשטימט 25 מיליאן אין די לעצט יעריגע בודזשעט, און טוט פארשלאגן צו העכערן די פאנדינג צו 35 מיליאן - א 10 מיליאן העכערונג - אלס אנטווארט צו לעצטיגע פאסירונגען. די רעקארד פאנדינג וועט ערלויבן בארעכטיגטע ארגאנאזאציעס צו בעטן ביז $200,000 באזונדער פאר פיזישע זיכערהייט און סייבערסעקיוריטי פראיעקטן ביי זייערע אנשטאלטן. נאנפראפיט ארגאנאזאציעס וואס האבן שוין פריער באקומען זיכערהייט גרענטס מעגן זיך אויך איינגעבן פאר נייע פראיעקטן, אריינגערעכנט שאדנס באשיצונג געצייג וואס איז יעצט בארעכטיגט פאר פאנדינג.

די מעלדונג קומט בשעת האסע, איינזייטיגקייט און אנטיסימיטישע און אנטי-מוסלמענער אינצידענטן טוען אנגיין דורכאויס ניו יארק און אין די לאנד. האסע פארברעכן באטרעפן גאנצע קאמיוניטיס מיט שעדליכע און אומפראפארציענעלע קאנסעקווענצן, נישט נאר אויף די וועלכע ווערן געצילט. טראצדעם וואס די צאל האסע פארברעכן באריכטעט צו די פאליציי אין דער סטעיט פארטרעט נאר א משהו פון אלע פארברעכן וואס קומען פאר, טון די אינצידענטן טראומאטיזירן און אריינשטעלן א שרעק ביים ברייטערן קאמיוניטי. ניו יארק טוט נאכגיין די אינצידענטן באזונדער פון אנדערע פארברעכנס אז אויפשטייגן קענען ווערן באאכבעט, און שריט קען ווערן גענומען צו פארמיידן פון דאס פאסירן אין ערשטן פאל.

פאליציי דעפארטמענט און שעריף אפיסעס באריכטן 959 האסן פארברעכנס צו די סטעיט אין 2022, די מערסטע באריכטעט אין די פארגאנגענע פינף יאר, און א 20 פערצענט העכערונג אין פארגלייך צו 2021. [האסן פארברעכן דאטא באריכטעט דורך פאליציי אגענטורן](#) צו די סטעיט איז אווילעבל אנליין. בשעת די לעצטע יאר'ס סטעיטברייטע פארברעכן דאטא ווערט נאך געקליבן, האט ניו יארק סיטי פאליציי דעפארטמענט באריכטעט א 10 פערצענט אויפשטייג אין האסן פארברעכן אינצידענטן פון 2022 ביז 2023 מיט אזעלכע אינצידענטן מער ווי צוויי מאל אזויפיל אין די לעצטע קווארטל פון יאר, לויט די אגענטור'ס [האסן פארברעכן דעשבאורד](#).

**דעוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישינאר ראסאנא ראסאדא האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האט א לאנג און שטאקיגע טראדיציע פון ארומנעמען מענטשן פון אלע קולטורן און סארט לעבנס, דאך טוען צופיל אינדיווידואלן, גרופעס און ארגאנאזאציעס פארבלייבן צילן פאר פארברעך צוליב די בלויזע פארשינדארטיגקייט וואס זיי פארקערפערן. DCJS איז שטאלץ צו העלפן באשיצן אונזערע שכנים און געמיינדעס אנקעגן האסע פארברעכנס דורך צושטעלן פאנדינג צו ארגאנאזאציעס וואס קענען זייערע שכנים דאס בעסטע אז זיי זאלן קענען ווייטער זיכערערהייט צושטעלן סערוויסעס און פארזיכערטע ערטער פאר די וואס קענען זיין ביי א ריזיקע."

**דעוויזיע פון מענטשליכע רעכטן קאמישינאר מאריא ל. אימפעריאל האט געזאגט,** "לײדער, זעען מיר די נויט פאר גרעסער זיכערהייט ביי נאנפראפיט און גלויבן-פאזירטע געמיינדע צענטערן וואס ווערן די ציל פון האסע. יעדער - נישט קיין חילוק וואס זייער רעליגיע אדער נאציאנאלע אפשטאם - זאל זיך פילן פארזיכערט ווען זיי פארבינדן זיך מיט זייער געמיינדע, פאמיליע, פריינט און שכנים. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און די שטאב ביי DCJS פאר אנהייבן די קריטיש וויכטיגע פראגראם."

אוועקגעשטעלט אין 2017, טוט די סטעיט-געפאנדעטע Securing Communities Against Hate Crimes Grant פראגראם זוכן פארשלאגן פאר א מאקסימום פון 60 מיליאן אין גרענטס צו פארשטערקערן זיכערהייט מאסנאמען און פארמיידן האסן פארברעכנס קעגן נאנפראפיט געמיינדע און ציווילע צענטערן, קולטורעלע מוזעאמס, דעי קעיר צענטערן, און אנדערע נאנפראפיט ארגאנאזאציעס וואס קענען זיין עמפינדליך צוליב זייער אידעאלאגיע, גלויבן, אדער מיסיע.

די פאנדינג, וואס איז ערווארטעט צו שטיצו ביז 300 פראיעקטן, קען ווערן גענוצט די שטיצן די דרויסנדיגע אדער אינעווייניגסטע זיכערהייט פארבעסערונגען, אריינגערעכנט אבער נישט געצוימט צו לעקטער, שלעסער, אלארעמען, פאניק קנעפלעך, צוימען, באריקאדעס, צוטריט קאנטראל, שטארקע גלאס און איפרייס באשיצטע פילם, פאביק אדרעס סיסטעמען, פארשטערקערן סייבערסעקיוריטי, און שאדן באשיצונג פארבעסערונגען. די געלטער קענען אויך דעקן קאסטן פארבינדן מיט סעקיוריטי טרענירונג.

אין יולי 2023, האט DCJS געשאנקען פאנדינג צו 497 ארגאנאזאציעס איבער די סטעיט פאר 1,081 פראיעקטן מיט א צאל פון $51,729,271, מיט $8,899,091 גייענדיג צו 187 סייבערסעקיוריטי פראיעקטן דורך די פראגראם. די יעריגע אפליקאציע פראצעדור איז געווארן פארגרינגערט און פארשנעלערט מיט איינציגע גרענטס פון ביז $200,000 פאר יעדע ארגאנאזאציע, אין קעגנזאץ צו א מאקסימום פון $50,000 פאר יעדע פון די פיר גרענט ערלויבט פאר יעדע ארגאנאזאציע לעצטע יאר.

דער דעדליין פאר אפליקאציעס איז מיטאג צייט פרייטאג, מאי 17. די [גרענטס/פאנדינג בלאט פון די DCJS וועבזייטל] האט אינפארמאציע איבער בארעכטיגונג פאדערונגען, אנווייזונגען און נאך אינפארמאציע. גרענט באלוינונגען זענען ערווארטעט צו ווערן געמאלדן די זומער.

די רעקארד אינוועסטירונג בויעט אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו באקעמפן האסע און פארמיידן איינזייטיגקייט, אריינגערעכנט:

- אנהייבן לעצטע הערבסט א נייע האטליין (NO-2-HATE-844) און [אנליין פארעם צו באריכטן האסע און איינזייטיגקייט אינצידענטן].
- שאפן די נייע [האסע און איינזייטיגקייט פארמיידונג יוניט], אנגעפירט דורך ליוטענענט גאווערנער דעלגאדא. די יוניט שטייט איבער א שנעלע אנטווארט איניציאטיוו, וואס שטעלט צו שטיצע צו געמיינדעס באווירקט דורך האסע אדער איינזייטיגקייט אינצידענטן און האט אוועקגעשטעלט אנטי-איינזייטיגקייט קאנסולס אין יעדע ראיאן פון די סטעיט.
- פאררופן די סטעיט'ס איינשווערונג [יוניטי סאמיט], צוזאמברענגנדיג 500 פארשטייער פון געמיינדע ארגאנאזאציעס, געזעץ אינפארסירונג, און גלויבן גופעס פאר פאנעל שמועסן און דיסקוסיעס איבער וועגן צו ארבעטן צוזאמען צו פארמיידן האסע.
- [איינשפאנען נאך שטאב אין פאנדינג] צו די FBI'o Joint TErrorism Task Force, פארזיכערנדיג אז ניו יארק סטעיט פאליס זענען אינגאנצן אקטיוויזירט צו באשיצן קעגן אלע פאטענציאלע טעראריסטישע דראאונגען.

- זיך נעמען איבער די דראאנגען געשטעלט דורך אנליין האסע, אריינגערעכנט רופן אויף [סאציאל מידיע פירמעס](#) צו פארבעסערן צענזור פאליסיס און [העכערן סטעיט פאליס](#) הילפס קוועלער צו איבערזעהן אנליין האסע
- אויסברייטערן די דעוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט & ערמערדזשענסי סערוויסעס [Threat Assessment and Management (Threat Assessment and Management, TAM) שטאבן](#) צו יעדע קאלעדזש קאמפוס אין ניו יארק.

**סטעיט סענעטאר ברעד הוילמאן-סיגעל האט געזאגט,** "בשעת מיר זעהן א פרעצעדענטלאזע אויפשטייג אין איינזייטיגקייט-מאטיווירטע פארברעכנס קעגן אידן, מוסלמענער, אזיאנע אמעריקאנע און LGBTQ מענטשן, איז עס פון די העכסטע וויכטיגקייט אז ניו יארק פארמאכט די צענדליגע לעכער און אונזער האסן פארברעכן סטאטוט צו שיקן די דרינגליכע מעסעדזש אז האס וועט נישט ווערן געדולדעט אין אונזער סטעיט. איך בין שטאלץ אז גאווערנער האקול האט אריינגענומען די Hate Crimes Modernization Act (S7737), וועלכע איך שטעל פאר מיט דיסטריקט אטוירני ברעג און אסעמבלימעמבער לי, איר עקזעקיוטיוו בודזשעט. די ביל וועט געבן פראקוראָרן די נויטיגע געצייג צו נומען פאסיגע שריט קעגן האסע אז מיר זאלן בעסער קענען באשיצן ניו יארקער פון פארשידנארטיגע אפשטאם. איך טוהן דרינגען מיין קאלעגעס זיך צו אנשליסן מיט אונז צו שטיצן די וויכטיגע לעגיסלאציע."

**אסעמבלימעמבער גרעיס לי האט געזאגט,** "אדרעסירן האסע אין ניו יארק מיינט געבן מינאריטעט געמיינדעס שטערקערע באשיצונג און רעפרעזענטירונג און האלטן די אנגריפער פון האסן פארברעכנס פאראנטווארטליך פאר זייערע שריט. איך דאנק גאווערנער האקול פארן פריאריטיזירן עמפינדליכע מינאריטעט געמיידנעס די יאר, אריינגעכנט דורך קאמפיינען פאר די Hate Crimes Modernation Act וואס איך האב פארגעשטעלט מיט סענעטאר ברעד הוילמאן-סיגעל די פאריגע הערבסט. די יאר, וועלן מיר דורכפירן א בודזשעט וואס שיקט א קלארע מעסעדזש פאר ניו יארקער אז האס האט נישט קיין פלאץ אין אונזער סטעיט."

אסעמבלימעמבער שמחה אייכענשטיין האט געזאגט, "מיר קענען זיך נישט ערלויבן צו איגנארירן די אלארמירנדע אויפשטייג אין אנטיסימיטיזם אין אנדערע פארעמען פון האס פארברעכנס. איך דאנק גאווערנער האקול פארן זיין פראאקטיוו אין פארזיכערן די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער. שוואכע געמיינדעס וועלן שלאפן רוהיגער ביינאכט וויסנדיג אז די פירערשאפט פון ניו יארק סטעיט שטייט אונטער זיי, און איז איבערגעגעבן צו ארבעטן ווייטער ביז אלע פילן זיך באשוצט, און אלע די וואס באגייען האס פארברעכנס זענען געברענגט געווארן צו משפט."

**מענהעטן דיסטריקט אדוואקאט אלווין ל. ברעג, דזש, האט געזאגט,** "האס און פאראורטיילונג פארברעכנס דרינגען ווייטער אריין אין אונזערע געמיינדעס, לאזנדיג איבער ניו יארקערס עמפענגליך און דאס באדראעט דאס זיכערהייט פון גאנצן פאבליק. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן באטאנען אט דעם שטיקל לעגיסלאציע, וועלכע וועט צומאכן לעכער מיט לאגישע פארערעכטונגען, וואס שאפן א שטארקע געזעצליכע ראם און געבן אונז די נויטיגע מיטלען צו פארזיכערן דאס זיכערהייט און וואוילזיין פון אלע ניו יארקערס. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט א באזונדערע גרופע פון אויסגעוועלטע באאמטע און אדוואקאטן ווען מיר ארבעטן צו לעגיסלירן דעם געזעץ דורכאויס דער לעגיסלאטיווע סעסיע."

**קווינס דיסטריקט אדוואקאט מעלינדע קאטץ האט געזאגט,** "קווינס איז די 'וועלט'ס בארא,' מיט די מערסטע פארשיידענע באפעלקערונג פון יעדע קאונטי אין די פאראייניגטע שטאטן. אומפראוואקאצירטע אטאקעס געמוטיגט פון האס האבן נישט קיין פלאץ אין אונזערע געמיינדעס, אדער ערגעץ אנדערש אינערהאלב גאנץ ניו יארק סטעיט. מיר וואלטן ענטפאנגען מיט פרייד דאס פארברייטערונג פון דעם האס פארברעכנס געזעץ וויבאלד דאס וועט שטארקן אונזער מעגליכקייט צו אנקלאגן די וואס טוען שאדנס

וואס זענען באזירט אויף קרומע פאראורטיילונג. איך אפלאדיר גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט אויף די נויטווענדיגע פראבלעם."

**UJA-פעדעראציע פון ניו יארק CEO עריק ס. גאלדשטיין האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס שטארקע און באשלאסענע פארשלאג צו פארברייטערן די האס פארברעכן לעגיסלאציע איז געוואונטשן און איז א נויטיגע באמיאונג צו פארזיכערן דאס זיכערהייט פון געפאר פון אלע ניו יארקערס. אין א צייט ווען אנטי-אידישע האס פארברעכנס זענען פאר צו ארויפגיין, וועט די לעגיסלאציע זיין א קריטישע מיטל צו העלפן אפהאלטן פאטענציעלע פארברעכער. מיר דאנקען גאווערנער האקול פאר איר וויכטיגע פירערשאפט אין באקעמפן האס און אנטיסעמיטיזם אין ניו יארק."

**אנטי-דעפעמאציע ליגע ניו יארק/ניו דזשערסי רעגיאנעלע דירעקטאר סקאט ריטשמאן האט געזאגט,** "אין א צייט פון א שארפע העכערונג פון אנטיסעמיטיזם און הויכע-רעקארד ציפערן פון באריכטעטע האס איבערן נאציאן, אפלאדירן מיר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו גיין קעגן האס פארברעכנס. פאר איבער 40 יארן, האט ADL אדוואקטירט פאר פולשטענדיגע און ארומנעמיגע האס פארברעכן געזעצן און צוזאמנעמען דאטע איבערן לאנד אין צוזאמארבעט מיט אנדערע ציווילע רעכטן ארגאניזאציעס. מיר קוקן אויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און אונזערע פארטנערס פארצוזעצן צו פארבעסערן ניו יארק'ס רעספאנס צו האס פארברעכנס."

**אלי פארנעי צענטער עקזעקיוטיוו דירעקטאר אלכסנדער ראקיו האט געזאגט,** "אין בין דאנקבאר צו גאווערנער קעטי האקול און LG אנטאניו דעלגאדו פארן מאכן פלאץ צו צוזאמברענגען געמיינדע פירערס צו דורכשפרעכן און בויען א קאאפעראציע צו רעאגירן אויף האס. LGBTQ+ יוגנט זענען באווירקט אומפראפארציאנעל דורך אידענטיטי-באזירטע האס און ווייאלענס. צו האבן א פלאץ ארום דעם טיש היינט איז א דערמאנונג פון האקול'ס פעסטע איבערגעגעבנקייט צו אונזער LGBTQ+ געמיינדע."

**עקוואליטי NY פאליטישע דירעקטאר מעליסא סקלארז האט געזאגט,** "היינט, זענען מיר געשטאנען שטאלץ מיטן גאווערנער האקול ביים פארשלאגן לעגיסלאציע וועלכע אינוועסטירט צו פארמינערן די צאל פון האס פארברעכנס. אלס די אנפירנדע LGBTQ אדוואקאסי ארגאניזאציע מיט איבער 5,000 מעמבערס און 100 קאאליציע פארטנערס ווייסן מיר דאס באווירקונג איבערן לאנד פון דעם פארשלאג."

**די אזיאנע אמעריקאנער פאונדעישאן NY רעגיאנעלע דירעקטאר יוגינע אוה האט געזאגט,** "די אזיאנע אמעריקאנער פאונדעישאן קוקט אויס צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול, איר טים, און אונזער אזיאנע אמעריקאנער און פאסיפיק איסלאנדער געמיינדע פירערס דא אין ניו יארק צו בויען א זיכערערע צוקונפט פאר *אלע* ניו יארקערס. אונזער געמיינדע איז אונטער אטאקע, און האט פארגעזעצט צו אויסשטיין אומגעהויערע ווייאלענס און טשעפעניש זינט אנהייב 2020. מיר שעצן די גאווערנער'ס איינזען דעם געברויך פאר מער זיכערהייט פאר אונזער געמיינדע, און איר איבערגעגעבנקייט צו אריינעמען AAPI שטימעס אין די וויכטיגע ארבעט וואס ווארט צו ווערן געטאן."

**אזיאנע אמעריקאנער באר אסאסיעישאן פון NY, אנטי-אזיאנע ווייאלענס ארבעטסקראפט טשעיר קריס קוואק האט געזאגט,** "איבער די לעצטע יארן, דורך זיין אנטי-אזיאנע ווייאלענס ארבעטסקראפט (Anti-Asian Violence Task Force, AAVTF), האט AABANY שטודירט וועגן דעם שארפן דערהייבונג פון האס און ווייאלענס קעגן די ניו יארק AAPI געמיינדע. מיר גלייבן אז פארברייטערן דעם ליסטע פון פארברעכנס וואס זענען בארעכטיגט צו ווערן באקלאגט אלס האס פארברעכנס צייגט א טראט אין דעם ריכטיגן ריכטונג, און מיר קוקן אויס צו פארזעצן מיטארבעטן מיטן גאווערנערס אפיס צו ברענגען ווירקבארע האס פארברעכנס צו ווערן אנגעקלאגט און דורכגעפירט." "מיר אפלאדירן די גאווערנער'ס באמיאונג צו אדרעסירן די ערנסטע פראבלעם וואס באווירקט אזויפיל געמיינדעס אין ניו יארק."

**היספאניק פעדערעישאן פרעזידענט און CEO פרענקי מיראנדע האט געזאגט,** "גאווערנער האקול טוט א שריט וועלכע וועט שטארקן ניו יארק'ס רייכע פארשיידענקייט און באשוצן געמיינדעס וועלכע האבן געזען א שרעקנדע העכערונג פון האס פארברעכנס. איך דאנק גאווערנער האקול פארן פריארטיזירן די זיכערהייט פון אונזערע געמיינדעס, און איך קוק אויס צו מיטארבעטן מיטן לעגיסלאטאר צו פארזעצן קעמפן קעגן האס פארברעכנס אין ניו יארק סטעיט."

**אידישע געמיינדע ריעלישאנס קאונסעל פון ניו יארק צייטווייליגע CEO נועם גילבוארד האט געזאגט,** "JCRC-NY אפלאדירט גאווערנער קעטי האקול'ס פארזעצנדע און קרעפטיגע באמיאונגען צו באקעמפן האס פארברעכנס דורכן פארברייטערן די ליסע פון פארברעכנס וואס זענען בארעכטיגט פאר אנקלאגע אלס א האס פארברעכן. די לעציגע העכערונג פון אנטיסעמיטישע אקטיוויטעט און אנדערע פארעמס פון האס אין אונזער סיטי איז ביידע אנטציקנד און עקלהאפטיג. אין ניו יארק סיטי, לויט NYPD'ס 2023 דאטע, פון אקטאבער ביז דעצעמבער 2023, זענען אידן-געצילטע האס פארברעכנס געווען מער ווי די אין די גאנצע רעשטע פון דעם יאר. גאווערנער האקול איז באמת געשטאנען ביי איר ווארט צו אנפאנגען לעגיסלאציע צו פארזעצן באקעמפן אנטיסעמיטיזם. דער פארשלאג שיקט א קלארע און קלינגענדע מעלדונג אז סיי וועלכע סארט האס וועט ניו יארק נישט פארליידן."

**קאנגעגרעישאן קהילת ישורון סעניאר רבי חיים שטיינמעץ האט געזאגט,** "געוויסע ווארפן אפ אנטסעמיטישע אקטן אזוי ווי אפרייסן פאוסטערס, האס גראפיטי, און צעברעכן פענסטערס אלס קליין און אומוויכטיג. ליידער, איז קיין זאך נישט צו קליין ווען עס איז א טייל פון די וועלט'ס לאנגדויערנדע האס. ווען א געזעלשאפט נעמט אויף אנטיסעמיטיזם, קען עס ארויפגיין הויך, און אויפמאכן טירן פאר דיסקרימינאציע, פארפאלגונג, און ווייאלענס. און מיר האבן געזען אן אויספלאץ פון אנטיסעמיטיזם זינט אקטאבער 7; און מיר מוזן נישט צולאזן דאס זאל פארזעצן. דאס מיינט אזויפיל צו אונזער געמיינדע אז די גאווערנער איז באשלאסן צו אויסראטן האס פארברעכנס, און מאכן יעדע געמיינדע זיכערער."

**סעווא צענטער פאר הומאניטי פרעזידענט שאשי מאליק האט געזאגט,** "היינטיגן טאג'ס מעלדונג פון פארברייטערן די בארעכטיגטקייט פאר האס פארברעכנס צו ווערן אנגעקלאגט איז פיל געשעצט אין אט די ארויסרופנדע צייטן פאר די איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט. דערצו וועט די באצאלונג גיין אזוי ווייט ווי צושטעלן נאך זיכערהייט פאר רעליגיעזע פאסיליטיס וואס זענען אין א ריסק. א דאנק אייך פאר אייער פירערשאפט און אייער גלייבן אינעם מאכן אן אפשטעל פון האס פארברעכנס."

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס איז א פילפאכיגע קרימינאלע יוסטיץ שטיצנדע אגענטור מיט א רייע פאראנטווארטליכקייטן, אריינרעכענענדיג געזעץ אינפארסירונג טרענירונג; זאמלונג און אנאליזירונג פון פארברעכן ציפערן פון אריבער די סטעיט; אויפהאלטן קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע און פינגער דרוקן פיילס; אדמיניסטראטיווע אויפזיכט איבער די סטעיט'ס DNA דאטא-בעיס, אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט פאליציי; פינאנצירונג און אויפזיכט אויף פּראָבעישען און קאמיוניטי טורמע פראגראמען; אנפירן פעדעראלע און סטעיט קרימינאלע יוסטיץ קאסעס; שטיצן קרימינאלע יוסטיץ-פארבינדענע אגענטורן אריבער די סטעיט; און אנפירן די סטעיט'ס סעקסועלע פארברעכער ליסטעס. פאלגט נאך די דיוויזיע אויף Facebook און Twitter.

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון הומאנישע רעכטן איז איבערגעגעבן צו אויסראטן דיסקרימינאציע, פאררעכטן אומיושר, און פארשפרייטן גלייכע גלעגנהייט, צוטריט, און עהרע דורכן איינפירן די הומאנישע רעכטן געזעץ. אונזער וויזיע איז א ניו יארק פריי פון דיסקרימינאציע וואו יעדער קען ערפילן זיין פאטענציעל און גענצליך אנטייל נעמען אין דעם לעבן פון דעם סטעיט.

דערצו, די ניו יארק סטעיט אפיס פון וויקטים סערוויסעס באצאלט פאר איבער 200 פראגראמען איבערן לאנד וואס שטעלן צו סערוויסעס, שטיצע און הילף צו קרבנות פון פארברעכן, ווי אויך האס פארברעכנס.

די אגענטור קען אויך צושטעלן פאר אינדיווידועלן וואס זענען בארעכטיגט מיט פינאנסיעלע הילף פאר אויסגאבן וואס רעזולטירן פון זיין א קרבן פון האס אדער אנדערע פארברעכנס. באזוכט ovs.ny.gov/connect אויפצוזוכן א פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן